# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

פרשת אחרי קדושים תשפ"ה שנה י | גליון מס' 580

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל פון תפילה אין די פרשה

## די ברכה "הגומל" פארן כהן גדול

**"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֶל פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל הָאָרֹן וְלֹא יָמוּת כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת"** (טז ב)

אויפן ארייגגיין פון דעם כהן גדול אין קודש הקדשים אין יום כיפור זאגן די חכמים (זהר חדש בראשית כד ב): "ווען דער כהן איז אריין לפני ולפנים... אויב ער האט זוכה געווען - איז ער ארויס בשלום, אויב ער האט נישט זוכה געווען - פון צווישן די צוויי כרובים איז ארויס א פלאם און ער איז פארברענט געווארן פון אינעווייניג".

דער ראשון לציון רבי אליעזר נחום בעל 'חזון נחום' אויף משניות און דער רבי פון חיד"א, האט א ספק צי דערנאך וואס דער כהן גדול האט זוכה געווען ארויסגיין בשלום פון די קודש הקדשים האט ער געדארפט זאגן די ברכה 'הגומל', אזוי ווי איינער וואס איז געווען אין א מקום סכנה און איז געראטעוועט געווארן. ער האט געשיקט די שאלה פאר רבי יצחק זרחיה אזולאי דער פאטער פון חיד"א. זיין ענטפער איז געווען אז דער כהן גדול האט נישט געזאגט 'הגומל'. און אזוי האט ער ערקלערט: די ברכה 'הגומל' האט מען טאקע מתקן געווען פאר איינער וואס איז געווען אין א מקום סכנה און איז ניצול געווארן, אבער עס איז קלאר אז די קודש הקדשים קען מען נישט אנגערופן א 'מקום סכנה', ווייל דאס צי ער איז זוכה ארויס גיין בשלום פון דארט איז אנגעהאנגען אין זיין אויפפירונג.

אבער דער 'חזון נחום' האלט אנדערשט. לויט זיין סברא, אפילו אויב זיין ארויסגיין בשלום פון קודש הקדשים איז אנגעהאנגען אין זיינע זכויות, דאס עצם זיך איינשטעלן דורכן זיין דארט, ברענגט צו ער זאל דארפן זאגן "הגומל" ווען ער קומט ארויס בשלום.

'מחזיק ברכה' [לחיד"א] או"ח ריט א-ב

## קול אמונים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## ברכות וואס זענען א מושלם'דיגע מתנה

ל"ג בעומר שטייט שוין ביים שוועל. פון אסאך שולן וועט זיך ארויסהערן דעם קומענדיגן שבת ביינאכט די געזאנג "בר יוחאי", און מיט דעם וועט שיינען און לייכטן און אונזער הארץ די ליכטיגקייט פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי.

אין זוהר הקדוש, וואס רבי שמעון האט אונז איבערגעלאזט, זעהן מיר אין אסאך ערטער די דערהויבענע מעלה פון ענטפערן אמן. אין דעם ארטיקל וויל איך זיך אפשטעלן אויף א מערקבארע אויפדעקונג וואס דער זוהר הקדוש שרייבט אין פרשת עקב (רעא א), און דאס זענען זיינע ווערטער:

"ווען א ברכה וואס איז געענטפערט געווארן מיט א אמן גייט ארויף אין הימל, עפענען זיך פאר איר אלע טויערן אין הימל און מ'רופט אויס אין אלע וועלטן און הימלען: דאס איז די מתנה וואס דער מענטש האט געשיקט פארן קעניג; דאס איז די מתנה וואס איז געשיקט געווארן מיט די ריכטיגע שלימות".

גאר וואונדערליך! יעדן אינדערפרי הייבן מיר אן דעם טאג מיט זאגן די ברכות השחר, אבער מיר האבן די מעגליכקייט צו באשליסן וויאזוי מ'וועט זיך באציעהן צו זיי אין הימל. מיט א פשוטע אקט - מיטן זיי זאגן בחברותא, וועלן ענק זוכה זיין אז זיי וועלן אנגענומען ווערן מיט ליבשאפט, און יעדע ברכה וועט אנגערופן ווערן אויף ענקער נאמען און וועט באקרוינט ווערן אלס א מושלם'דיגע מתנה. אויב ענק האבן נישט זיכער געמאכט אז איינער זאל ענטפערן אמן נאך זיי, האבן ענק שאדן געהאט די באזונדערע באציאונג וואס זיי וואלטן געקענט באקומען ווען זיי קומען אן אין הימל. וויאזוי קען מען שטיין פון די זייט און עס ארויסלאזן פון די הענט?!

אויך דער פסוק (תהלים יט טו): "יהיו לרצון אמרי פי" וואס מיט דעם ענדיגט מען די שמונה עשרה איז מרמז אויף דעם: "פי" (מיטן כולל) איז גימטריה איין און ניינציג, אזוי ווי די צאל פון 'אמן'. די פארזיכערטע וועג אז אונזערע ווערטער זאל אנגענומען ווערן "לרצון" איז דורך ענטפערן אמן.

מיר וועלן אנהייבן אונזער טאג מיטן זאגן די ברכות השחר אין די אויערן פון איינער וואס וועט ענטפערן אמן נאך זיי, און מיט דעם עפענען פאר זיי די טויערן אין הימל, און עס וועט נשפע ווערן אויף אונז אסאך ברכות.

**מיט א רוף "ענני באמת ישעך"!**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

## צוויי סארטן שטראף-רייד

**"לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא"** (יט יז)

רבי יצחק שמעלקיש בעל 'בית יצחק' זאגט אזוי:

צוויי וועגן האט דער יצר הרע מכשיל צו זיין דעם מענטש: אין אנהויב, פארן זינדיגן, רעדט ער אים צו זינדיגן דורכדעם וואס ער פארקלענערט די עבירה אין זיינע אויגן. נאכדעם, ווען עס איז אים געלונגען און דער מענטש איז אדורכגעפאלן, טוישט ער זיינע ווערטער און זאגט אים ווי גרויס איז די זינד, און מיט דעם וויל ער אים מייאש זיין פון תשובה טון, ענדערשט זאל ער ווייטער זינדיגן און הנאה האבן פון אלע תענוגי עולם הזה.

די איז די כוונה פון חז"ל וואס זאגן (סוכה נב א): "יצר הרע בתחילה הוא דומה לחוט של בוכיא [שפין-וועב] ולבסוף דומה כעבותות העגלה [ווי א שטריק וואס מען שפאנט איין די בהמה צו די וואגן]". ד.מ. אין אנהויב, בעפאר די זינד, פארקלענערט דער יצר הרע די עבירה און שטעלט עס צו צו א דינע בענדל, און נאכן זינדיגן שטעלט ער עס צו צו א דיקע שטריק "כעבותות העגלה". אויף דעם בעטן מיר "והסר שטן מלפנינו ומאחורינו", אז הקב"ה זאל אוועק נעמען פון אונז די אלע אופנים פונעם יצר הרע, סיי פון בעפאר די זינד און סיי פון נאכדעם.

מיט דעם ערקלערט **רבי אליהו אריה אדלער** דער דארא'ער רב, דעם דאפלטן לשון "הוכח תוכיח" אין אונזער פסוק, ווייל אויך די וועגן פון זאגן מוסר זענען געוואנדן אין דעם יצה"ר. פארן זינדיגן דארף דער מוסר-זאגער זאגן פארקערט פון דעם יצר הרע, און פארגרעסערן די זינד אין זיינע אויגן כדי אים אפהאלטן פון זינדיגן, אבער נאכדעם וואס דער מענטש איז דורכגעפאלן מיט א זינד, מוז דער מוסר-זאגער עס פארקלענערן אין זיינע אויגן, כדי אים צו מוטיגן צו תשובה טון.

שו"ת 'בית יצחק' יו"ד א דרוש האמונה והאחדות אות ט - י, קונטרס 'תורת אליהו'

ברכות השחר כהלכה

בקול בכונה בחברותא

## א וועכענטליכע מעשה איבער אמן און תפילה

# — א הויז וואס איז פארגרעסערט געווארן דורך א חברותא —

די פאלגנדע ערציילונג אויף א קליינע הויז, א שכן וואס האט זיך אקעגן געשטעלט אויף עס פארברייטערן, און ברכות השחר וואס איז געזאגט געווארן בחברותא האבן מצליח געווען עפענען זיין הארץ, איז אונז דערציילט געווארן דורך דעם בעל המעשה.

פון זיין חתונה וואוינט ר' שמואל אין די הויז. א קליינע הויז פון דריי צימערן, אין צענטער פון די שטאט בני ברק.

מיט די יארן איז די משפחה געוואקסן און איז געבענטש געווארן מיט זעקס קינדער. מיט יעדן נייעם קינד וואס איז געקומען אויף דער וועלט, צוזאמען מיט דעם זיסן געוויין

**עס האט זיך אנגעהויבן א לאנגער ביוראקאטישער וועג פון דריי יאר, אין ענדע האט ר' שמואל באקומען אלע נויטיגע פאפירן. און יעצט איז ער געגאנגען בעטן די ערלויבעניש פון די שכנים.**



איז גרעסער געווארן די ענגשאפט. עס איז נישטא קיין פלאץ פאר נאך א בעט, און די שטענדיגע באלאגן האט געדראאט אויף די רואיגקייט.

צו זיינע אויערן זענען אנגעקומען גוטע פארשלאגן פון נייע און גרויסע הייזער, אבער ביי אלע פארשלאגן האט זיך פארלאנגט צו פארלאזן די היימישע געגנט. עס איז אים שווער געווען זיך צו פארשטעלן דאס לעבן אין אנדערע פלאץ. די כולל וואו ער האט געלערנט איז געווען פאר אים א צווייטע שטוב, זיינע קינדער האבן מצליח געווען אין די ארטיגע מוסדות החינוך, און די געגנט אליין - א גן עדן פון א תורה-לעבן.

די איינציגסטע לעזונג וואס האט אויסגעזען פראקטיש איז געווען צו פארברייטערן די יעצטיגע הויז. אסאך פון די שכנים האבן שוין געהאט גערעדט צווישן זיך איבער די כוונה צו פארברייטערן אין דער נאנטער צוקונפט. עס איז געווען א נאטירליכער שריט.

עס האט זיך אנגעהויבן א לאנגער ביוראקאטישער וועג פון דריי יאר, אין ענדע האט ר' שמואל באקומען אלע נויטיגע פאפירן. און יעצט איז ער געגאנגען בעטן די ערלויבעניש פון די שכנים.

אלע שכנים האבן זיך זייער געפריידט אים ערמעגליכן צו פארברייטערן זיין הויז. אלע, אויסער איינער: דער עלטערער שכן וואס וואוינט אויפן שטאק העכער אים. דער שכן, וואס האט שוין לאנג חתונה געמאכט די קינדער, האט נישט געדארפט פארברייטערן זיין דירה. די שרעק פון דער געדאנק וועגן די סאך שטויב, שמוץ, און באזונדער די גערויש פון די ארבעט וואס וועט אים שטערן זיין טאג טעגליכן געוואוינהייט, האט צוגעברענגט ער זאל נישט ערלויבן בויען.

וויפיל ר' שמואל מיט די אנדערע שכנים האבן פראבירט רעדן מיט אים איז זיי נישט געלונגען. ער איז געשטאנען פעסט אין זיין מיינונג: "אויב ווילט איר א גרעסערע הויז - גייט אריבער א הויז".

ר' שמואל איז געווען א אוהב שלום. ער וויל חלילה נישט טשעפען א איד אדער פארוואלקענען די ברודערליכע אטמאספער וואס הערשט אין דעם בנין. דערפאר, האט ער אויסדערוועלט א אנדער וועג, דאס איז תפילה. ער האט יעדן טאג געבעטן ביים בורא עולם ער זאל עפענען דעם שכנ'ס הארץ.

דעמאלטס האט אויסגעבראכן די קאראנע עפידעמיע. די שולן האבן פארמאכט זייערע טויערן, און די חצרות ארום די הייזער זענען געווארן "חצרות בית ה'", וואו די איינוואוינער האבן זיך דארט פארזאמלט דריי מאל א טאג אויף צו דאווענען.

מיט די צייט איז זייער הויף צוגעשטעלט געווארן ווי עס דארף צו זיין און די קול התפילה האט זיך געהערט צווישן די הייזער. ר' שמואל וועלכער פלעגט זאגן ברכות השחר בחברותא, האט געזוכט א נייעם שותף אויף די שווערע תקופה. קווענקלדיג האט ער פארגעשלאגן פאר דעם עלטערן שכן צו זאגן מיט אים די ברכות בחברותא, און יענער האט עס באלד אנגענומען.

יעדן אינדערפרי' זענען די צוויי אראפ אין הויף און געזאגט צוזאמען די ברכות. א שטילער ווינט גייט אריבער נעבן זיי און נעמט די ברכות און די אמנ'ס און הייבט זיי אויף העכער און העכער ביז צום כסא הכבוד. אזוי אויך א גייסט פון פריינדשאפט גייט אריבער צווישן זיי און דערנענטערט זייערע הערצער.

נאך א תקופה, ווען דער עלטערער שכן איז געווען געצווינגען זיך פארשפארן אין זיין הויז לויט די באפעל פון זיינע דאקטורים, האט ער געבעטן פון זיין שכן ר' שמואל ער זאל ווייטער קומען צו אים ביז זיין טיר, כדי צו אנהאלטן זייער מנהג צו זאגן די ברכות שחרית בחברותא.

ר' שמואל האט מקפיד געווען צו זאגן די ברכות צוזאמען, זיך נאכפרעגן אויף זיין געזונט און אפילו אנטראגן הילף. זיינע קינדער האבן געהאלפן איינקויפן און פארשידענע שליחות'ן. צווישן דעם עלטערן שכן און די פאמיליע האט זיך אנטוויקלט א נאנטע באציאונג, ווען זייערע קינדער האבן אים אנגעהויבן צו באטראכטן ווי א גוטער זיידע.

איין טאג, ארום א האלבע יאר שפעטער, האט זיך געהערט א קלאפ אויף ר' שמואל'ס טיר. דער שכן איז געשטאנען ביים טיר, מיט א דיקן קאנווערט אין האנט.

"שוין א לאנגע צייט וואס מיר זאגן ברכות השחר צוזאמען", האט דער עלטערער שכן אנגעהויבן מיט א ווארעמע שטימע. "אונזער חברותא האט מיך געמאכט דיך קענען פון די נאנט. איך בין פול מיט שעצונג צו דיר.

לעצטענס, ווען איך ענטפער אמן נאך די ברכה "שעשה לי כל צרכי", פיל איך זיך אומבאקוועם. איך ווייס דאך ווי שווער עס איז פאר אייך אין די קליינע וואוינונג. נאך אסאך קווענקלען האב איך באשלאסן אראפצונעמען מיין קעגנשאפט אויפן בויען, און צו דעם וויל איך זיך אויך באטייליגן אין די הוצאות...".

ר' שמואל האט גענומען דעם קאנווערט ווען ער איז צוטומלט און פארלוירן. נאכן עפענען דעם קאנווערט האט ער געזען די גרויסע סומע פון עטליכע טויזנט שקלים. נאך בעפאר ער האט אנגעיאגט צו דאנקען, איז דער שכן שוין פארשוואונדן געווארן...

פאר ר' שמואלס אויגן איז אנטפלעקט געווארן א וואונדערליכע השגחה פרטית: פון א שטארקער קעגנער איז זיין שכן געווארן א שטיצער און אפילו א דירעקטער שותף אין זיין בוי. זיין תפילות זענען פארווירקליכט געווארן - ער קען אנהויבן די בוי-ארבעט, אין די צייט וואס ער האט צובאקומען א גוטן שכן אויסער די וואס ער האט געהאט!

נאך לאנגע און אויסגעמאטערטע חדשים פון בויען, ווען ער מיט זיין פאמיליע האבן ענדליך הנאה פון א גרויסע און שיינע הויז צוגעפאסט צו זייערע געברויכן, בלייבט נאר צו דאנקען דעם בורא עולם און מפרסם זיין די שפע און הרחבה וואס איז געקומען צו אים אין שטוב א דאנק דאס זאגן ברכות השחר מיט א חברותא.

## דער וואס ענטפערט אמן ווערט אנגערופן קדוש

**"וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם"** (כ ז)

די ספר הצוואה וואס **רבי נפתלי כץ** בעל 'סמיכת חכמים' האט געשריבן איז געדרוקט געווארן אין צענדליגער אויסגאבעס. אין א טייל פון זיי ווענדט ער זיך צו זיינע קינדער און לערנט זיי אויס די ריכטיגע וועג צום לעבן, דארט רעכנט ער אויס אין נאמען פון אר"י הק' איין און צוואנציג זאכן וואס הייליגן א מענטש, און מיט דעם איז מען מקיים די מצוה: "והתקדשתם והייתם קדושים". צווישן די זאכן רעכנט אויס רבי נפתלי ענטפערן אמן מיט כוונה, און דאס זענען זיינע ווערטער (אות כא שם):

"די כוונה פון אמן איז טייטש, ענטפערן אמן ממש בכל כוחו, ווייל די קול איז מעורר די כוונה אזוי ווי מיר פסק'ענען ביי די תפילות פון ראש השנה און יום כיפור אז מ'מעג דאווענען בקול רם כדי צו מעורר זיין די כוונה... און אינזין האבן ביים ענטפערן: 'א-ל מלך נאמן' (ראה שבת קיט ב)... 'א-ל' איז חסד אזוי ווי עס שטייט (תהלים נב ג): 'חסד א-ל כל היום'. 'מלך' איז דין, אזוי ווי עס שטייט (משלי טז י): 'מלך במשפט יעמיד ארץ'... 'נאמן' איז רחמים... אזוי ווי חז"ל זאגן 'אני ה'" נאמן לשלם שכר טוב - און אויך - 'אני ה'" נאמן לפרוע (ראה רש"י שמות ו ב). נאך זאל ער אינזין האבן: שם הוי"ה און אדנ"י צוזאמען זענען גימטריה אמ"ן.

**און ווען ער טוט די אלע זאכן ווערט ער אנגערופן א 'קדוש', אזוי ווי עס שטייט: 'והתקדשתם והייתם קדושים כי אני ה' אלקיכם', און מ'דרש'נט** (ברכות נג ב)**: והתקדשתם ... אני ה' אלקיכם זו ברכה [ברכת המזון], און אויב אויף זאגן א ברכה ווערט מען אנגערופן קדוש, קל וחומר דער וואס ענטפערט אמן ווערט אנגערופן קדוש ווייל 'גדול העונה אמן יותר מהמברך'** (ברכות שם).

אויך דער **של"ה הק'** (מסכת יומא דרך חיים תוכחות מוסר אות קצח) ברענגט אין נאמען פון תלמידי האר"י אז ענטפערן אמן מיט כוונה הייליגט דעם מענטש.

דער בעל **'פלא יועץ'** ברענגט א רמז אז "דער וואס איז צוגעוואוינט ענטפערן אמן באקומט קדושה" פון דעם וואס די תורה שרייבט דעם פסוק (במדבר ה י): "וְאִישׁ אֶת קֳדָשָׁיו לוֹ יִהְיוּ" נעבן די פרשה פון סוטה, ווי דארט שטייט (שם כב): "וְאָמְרָה הָאִשָּׁה אָמֵן אָמֵן" ('סמוכים לעד' פרשת נשא).

אין ספר **'מנחיל אמונה'** (אות כד, וראה שם אות י) ערקלערט ער לויט דעם די סיבה פארוואס ישעיהו הנביא איז געשטראפט געווארן (ראה יבמות מט ב) אויפן זאגן (ו ה): "וּבְתוֹךְ עַם טְמֵא שְׂפָתַיִם אָנֹכִי יוֹשֵׁב".

די חכמים דרש'ענען (אגדת בראשית פרק עט) אז ווען ישעיהו הנביא האט געזען אז אפילו די עמי הארצות וואס ווייסן נישט פון קיין מצוות, באקומען אסאך שכר ווען זענען מקפיד אויף ענטפערן אמן מיט כוונה, האט ער געזאגט: "ה' אֱלֹקַי אַתָּה אֲרוֹמִמְךָ אוֹדֶה שִׁמְךָ כִּי עָשִׂיתָ פֶּלֶא עֵצוֹת מֵרָחוֹק אֱמוּנָה אֹמֶן". ד.מ. איך לויב דיך אויף די וואונדער וואס דו האסט געטון אז דו האסט געגעבן א עצה אז אויך די עמי הארצות וואס זענען ווייט פון תורה האבן שכר דורך דעם וואס דו האסט זיי געגעבן די מצוה פון ענטפערן אמן וואס איר שכר איז זייער גרויס. פון די מדרש זעט אויס אז אין די דור פון ישעיהו האבן די אידן מקפיד געווען צו ענטפערן אמן מיט כוונה. דערפאר איז ישעיהו געשטראפט געווארן אויף דעם וואס ער האט זיי אנגערופן "עַם טְמֵא שְׂפָתַיִם", ווייל אויך אויב פון זייער מויל איז ארויסגעקומען טמא'נע ווערטער, דאך האט ער זיי נישט געדארפט אזוי אנרופן, ווייל ווי געזאגט, ענטפערן אמן הייליגט א מענטש.

און טאקע אזוי, דער בעל **'חישוקי חמד'** זאגט עדות אז אין ירושלים האט מען אנגערופן א געוויסע איד מיטן טיטל "קדוש", נאר ווייל אויך זייענדיג אלט און שוואך האט ער זיך אנגעשטרענגט צו גיין אין שול צו ענטפערן אמן אויף די ברכות.

('נוטרי אמן' ח"א עמ' קנז)

## ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה

**"וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית וְעָשָׂת אֶת הַתְּבוּאָה לִשְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים"** (כה כא)

**רבי יעקב חיים**, דער בן יחיד און ממלא מקום פונעם 'בן איש חי' שרייבט:

די ווארט "לכם" [מיטן כולל] איז גימטריה אמן. לויט דעם קען מען אזוי טייטשן דעם פסוק: "וְצִוִּיתִי, אֶת בִּרְכָתִי - לָכֶם" - דער אויבערשטער באפעלט אז אין יעדע צייט וואס איר וועט הערן א ברכה זאלט איר ענטפערן אמן, אזוי ווי דער רמב"ם פסק'נט (ברכות א יג): "יעדער וואס הערט א איד זאגט עפעס א ברכה, כאטש ער האט נישט געהערט די גאנצע ברכה פון אנהויב ביז די ענדע, און כאטש ער איז נישט מחוייב מיט די ברכה, איז ער מחוייב ענטפערן אמן" ('ציצים ופרחים')


## "הוּא יַמְלִיץ טוֹב בַּעֲדֵנוּ - אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי"

טייערער איד

אין זוהר הק' האבן מיר א הבטחה פון די הייליגע מויל פון דער תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, אז דער וואס ענטפערט אמן ווי עס דארף צו זיין איז זוכה צו:

עפענען די טויערן פון תפילה

א שפע פון טובה און ברכה

א ספעציעלע אפהיטונג און שיצונג

צוריסן דעם שלעכטן גזר דין

א גרינגע אקט - אסאך און דערהויבענע הבטחות!

אמן אויפן קול, מיט כוונה און מיט אמונה.

ל"ג בעומר, איז עת רצון! שטיי נישט אין זייט!

ר' איד, שטיי אויך אויף פרי צו באשיינען און דערהויבן דורך ענטפערן אמן נאך די וואס זאגן די ברכות אין שול!



# "תּוֹרָתוֹ מָגֵן לָנוּ הִיא מְאִירַת עֵינֵינוּ, הוּא יַמְלִיץ טוֹב בַּעֲדֵנוּ, אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי"

אין בעפארברייטונג צו ל"ג בעומר ווערט דא געברענגט אביסל פון די ווערטער פון זוהר הק' אויף די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן און די גרויסע חיוב פון ענטפערן כהלכה. די הייליגע ווערטער זענען אויסגעשטעלט געווארן אויף די פסוקים וואס אויף זיי דרש'ענען די חכמי הזוהר אט די דערהויבענע סודות.

די גדולי ישראל האבן ספעציעל באטאנט די ווערטער פון זוהר אין פרשת וילך (רפה א ואילך), דארט רעדט ער באריכות איבער די שכר פון דער וואס ענטפערט אמן, און פון די אנדערע זייט, דעם גרויסן שטראף פון דער וואס טוט גרינגשעצן, חלילה. דער וואס קוקט דארט אריין כאפט אים אן א שרעק און א ציטער, אזוי ווי דער 'פלא יועץ' שרייבט אויף דעם (ערך עניית אמן): "עס איז באקאנט ווי שטארק דער זוהר הקדוש (וילך רפה ב) רעדט פון די גרויסע און געוואלדיגע שכר פון איינער וואס איז שומר אמונים, וואס זיצט אוןווארט ווען וועט ער הערן א ברכה כדי צו קענען ענטפערן אמן. אקעגן דעם, די הארבקייט פון די שטראף פאר איינער וואס אים גייט נישט דאס ענטפערן אמן. און פירט אויס: באמת תסמר שערות אנוש מראות חומר שבו. ולבבות יכאבו על רבים מעמי הארץ שאין נזהרים כלל. ה' הטוב יכפר בעד, כי לכל העם בשגגה".

## א באזונדערע שמירה פאר די וואס ענטפערן אמן

"אֶהֱבוּ אֶת ה' כָּל חֲסִידָיו אֱמוּנִים נֹצֵר ה' וּמְשַׁלֵּם עַל יֶתֶר עֹשֵׂה גַאֲוָה" (תהלים לא כד)

דער זוהר הק' (וילך רפו א) ערקלערט דעם פסוק: "אמונים נוצר ה'" - הקב"ה היט אפ די וואס ענטפערט אמן, און פון די צווייטע זייט "ומשלם על יתר עושה גאוה", פאר דער וואס מיט זיין גאוה איז ער מזלזל אין ענטפערן אמן, פאר אים באצאלט ער אזוי ווי עס קומט אים (ע"פ 'מקדש מלך' שם).

## אמן - איז דער מקור מים חיים

"כִּי שְׁתַּיִם רָעוֹת עָשָׂה עַמִּי אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים לַחְצֹב לָהֶם בֹּארוֹת בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא יָכִלוּ הַמָּיִם" (ירמיה ב יג)

דער זוהר הק' (שם) טייטש אז דער פסוק "אותי עזבו מקור מים חיים" רעדט פון דער וואס לאזט אפ דאס ענטפערן אמן, און פאראייליגט נישט די נאמען פון השי"ת דורך ענטפערן אמן [דער רבינו בחיי (שמות כא לד) ערקלערט אז ענטפערן אמן ווערט אנגערופן "מקור מים חיים" ווייל דער וואס ענטפערט אמן איז ממשיך א ברכה אין עולם הזה "אזוי ווי איינער וואס עפנט א קוואל אנטרינקן וואס עס פעלט אויס". און אזוי שרייבט דער זוהר (לעיל רפה ב): "אמן ווערט אנגערופן מבוע", ד.מ. א זאך וואס קוועלט]. דער פסוק ערקלערט אז דער שטראף אויף דעם וועט זיין "לחצוב להם בארות בארות נשברים" - ער וועט אראפגיין א מדרגה נאך א מדרגה אין גיהנם ביז די אונטערשטע וואוינונג אין גיהנום וואס ווערט אנגערופן "אבדון", אזוי ווי עס שטייט (מִשְׁלֵי טו יא): 'שְׁאוֹל וַאֲבַדּוֹן נֶגֶד ה'".

## "מכבדי" - דורך ענטפערן אמן - "אכבד"

"כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד וּבֹזַי יֵקָלּוּ" (שמואל א פרק ב)

אין זוהר הק' (שם) ווערט עס אויסגעטייטש אויף דער וואס ענטפערט אמן כהלכה: "כי מכבדי אכבד" ער וועט באקומען זיין שכר אויך אין עולם הזה און אויך אין עולם הבא. אקעגן דעם, דער וואס טוט גרינגשעצן חלילה אין ענטפערן אמן חלילה, אויף אים שטייט "ובוזי יקלו" און ווערט געשטראפט אין עולם הזה און אויך אין עולם הבא.

אין ספר 'פרי עץ חיים' (שער כוונת אמן פ"ג) שטייט אז רמז אויף דעם אז דער פסוק "ובוזי יקלו" איז געזאגט געווארן אויף איינער וואס ענטפערט נישט אמן, פון דעם וואס די סופי תיבות פון דער פסוק (תהילים פג יז): "מלא פניהם קלון", איז אמן, און אויך אז "מלא" איז אותיות אלם, ד.מ. אז איינער וואס פירט זיך ווי א שטימער ווען ער הערט א ברכה און ענטפערט נישט קיין אמן, אויף אים שטייט "ובוזי יקלו".

## ענטפערן אמן עפנט די טויערן פון תפילה

"פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים" (ישעיה כו ב)

דער זוהר הקדוש (וילך רפה ב) שרייבט אז ווען אידן געבן אכטונג ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס ווען זיי דאווענען צום אויבערשטן אויף זייערע צרות, רופט אויס די קול אין אלע עולמות: "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמנים" (ישעיה כו ב) - אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים'; 'פתחו שערים' - אזוי ווי די אידן האבן געעפנט די טויערן פון ברכות, אזוי וועט זיך עפענען פאר זיי די טויערן פון תפילה, און זייער תפילה וועט אנגענומען ווערן.

אויף דעם לייגט צו הרמ"ז (שם): "ווייל אז זייער מויל איז געהייליגט געווארן דורך ענטפערן אמן מיט כוונה, דערפאר גייט ארויף זייער 'הבל' און צוברעכט אלע מחיצות".

## צורייסן דעם גזר דין אין זכות פון ענטפערן אמן

"אָז תִּקְרָא וַה' יַעֲנֶה תְּשַׁוַּע וְיֹאמַר הִנֵּנִי" (ישעיה נח ט)

אין תיקוני זהר (מ א) ווערט אויסגעטייטש דער פסוק אויף דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו, מיטן כח פון ענטפערן אמן איז ער זוכה צו "אז תקרא וה' יענה". דער זוהר דרש'נט די ווארט "אז" וואס איז גימטריה אכט, א נומער וואס סימבאליזירט אמן, ווייל 'אמן' איז גימטריה די אכט אותיות פון די שמות הק' הוי"ה און אדנ"י. פון דא לערנען ארויס די חכמי הזוהר: "כל העונה אמן בכל כוחו קורעים לו גזר דין של שבעים שנה".

אויף דעם שרייבט דער 'שומר אמונים' (מאמר פתחו שערים פרק א): "די ווערטער פון די תיקונים זענען זייער טיפע סודות, ואין לנו עסק בנסתרות. אבער בפשטות לויט די מפרשים זעהט מען אז דער פסוק: "אז תקרא וה' יענה", איז מרמז אויף ענטפערן אמן וואס איז פונקט ווי די צוויי שמות צוזאמען איין און נײַנציג. און אזוי אויך 'אז' באטרעפט אכט אזוי ווי די צאל אותיות פון די צוויי שמות. און דער וואס ענטפערט אמן בכל כחו געבט ער א כח צו מייחד זיין די שמות און דעמאלטס זענען זיך מתייחד אויך די אורות פון אויבן... און דורך דעם צורייסט מען די שלעכטע גזר דין פון זיבציג יאר".

נאך לייגט ער צו, אין דער צייט וואס אין מסכת שבת (קיט ב) ווערט געברענגט: "כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כחו - קורעים לו גזר דינו", דא אין 'תיקוני זהר' שטייט אז צורייסן די גזר דין איז צוגעזאגט פאר יעדער וואס ענטפערט אמן, און נישט נאר פאר דער וואס ענטפערט "אמן יהא שמיה רבא".